Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 30 גראשען | היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 129 | Łódź, Piątek, 3 czerwca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״ח אייר תרצ״ב | № 129

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

„העלענאוו״ ספארט-פלאץ

ארבעטער-געזעלשאפט פאר פיזישער דערציונג „מארגנשטערן״ אין פוילן, אפטיילונג אין לאדזש.

## מארגן, שבת, דעם 4 יוני, 4 א זייגער נאכמ. קומט פאר אויפן ספארט-פלאץ „העלענאוו״

# דער גראנדיעזער זומער-טורן-פעסט פון „מארגנשטערן״

אין פראגראם: אויפמארש פון 300 ספארטלער! מאסן-איבונגען, רעפרעזענטאנץ-איבונגען פון מוסטער-גרופן (מענער און פרויען), איבונגען אויף מכשירים, איבונגען מיט שטאבן אויף ראווערן אין פולן גאנג, ספארט-טעניס! בעוועגליכע מאסן-פיראמידן! ספעציעלע פארביקע קאסטיומען! די איבונגען וועלן אנגעפירט דורך דער אינסטרוקטארן-קאמיסיע ביים לאדזשער „מארגנשטערן״. ארקעסטער פון „קולטור-ליגע״ אונטער דער לייטונג פון ה׳ זילבערבערג. ●●●●●● 2,30 נאכמיטאג א דורכמארש פון די ספארטלער אין ספארט-קאסטיומען פון קלוב-לאקאל, בזשעזשינער 23 דורך די גאסן: בזשעזשינער, נאוואמיעסקע, פרייהייט-פלאץ, פאמארסקע, אנשטאטס אויפן ספארט-פלאץ „העלענאוו״. ●●●●●● בילעטן פון 50 גראשן אן ●●●●●●●●●●●●●●●● צו באקומען אין לאקאל פון „מארגנשטערן״ בזשעזשינער 23, אין ארבעטער-ווינקל פאלודניאווע 20, אין טאג פון פעסט ביי דער קאסע. ●●●●●●●●●●●●●●●●

## שטאט-זאל, פאמארסקא 16

### היינט, פרייטאג
דעם 3-טען יוני ד. י. 9 אווענד

# מרים ארלעסקא
● אווענד ●

מוזיק און ביים קלאוויר: הענעך קאן.
איינפירווארט: מ. מזאה.

אין פראגראם: דראמאטישע פארטרעטען, הומאר, טאנץ און ליד

בילעטן אין קאפע „אסטאריא״, פיעטריקאווער 27 אווענדס אין שטאט-זאל.

## זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20.

### ברוך הבא ר׳ גרשון סיראטא איז שוין דא!

מארגען, שבת, פ׳ במדבר שמברכים החודש סיון, 4 יוני 1932, וועט דאווענען פרייטאג צונאכט 8 א זייגער אווענד קבלת שבת, צומארגענס 9.30 פריה

דער וועלט-בארימטער אויבער-קאנטאר ר׳

# גרשון סיראטא

פאר זיין אפרייזע נאך וויד-אמעריקא (ענגאזשמענט) אויף ימים הנוראים האט בטוליגט צו קומען נאך לאדז אויף שבת מברכים החודש סיון 4 יוני 1932. די מתפללים פון פילהארמאניע וועלן האבן דעם גרעסטען נענוס און עונג-שבת צו הערן דעם גרויסען יודישען קינסטלער, דעם וועלט-בארימטען העלדען-טענאר. דאס מאל וועט דער וועלט-בארימטער אויבערקאנטאר ר׳ גרשון סיראטא אי-בערראשען דעם עולם מיט זיינע מתיקות׳דיגע הערציגע תפילות, מיט זיין וואונדערליכען ספירה-ציילען.

אונ׳ם דאווענען באטייליגט זיך דער לאד-זער פראפעסיאנעלער גמש-איינשטודירטער כאר אונטער דער לייטונג פון דעם וועלכער וועט אויספירען די שענסטע קאמפאזיציעס פון זיין רעפערטואר. יונגען טאלאנטפולען דירעגענט הערץ רובין

איינטריטס-קארטען זענען ערמעסיגט פון 1 זל. ביז 2 זל.

צו באקומען: און קאסע פון פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20, ביי ה׳ ישראל זעלמאנאוויטש עקע פיעטרי-קאווער און פאלודניאווא (קאנדיטאריי), ביי ה׳ ישראל ווייסבערג נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי).

פאר פרויען באזונדער רעזערווירטע פלעצער.

באמערקונג: די ארדנונג וועט ווערן שטרענג אפגעהיטען און קיינער וועט אהן קיין בילעטן נישט אריינגעלאזט ווערן. באזארגט זיך מיט בילעטן, ווייל ס׳איז נאך דא א קליינע צאהל.

## טעאטער פאפולארני
גייער׳ס ראיאן פיעטריקאווער 295.

מארגען, שבת, ד. 4 יוני פונקט 4 נאכמ. ארדענט איין דאס קינדער-היים, סוואלסקא 11

### א פייערליכע קינדער-פארשטעלונג א. נ.

# פריהלינג-יום-טוב

אין פראגראם: I טייל: 1) דערעפנונג, 2) אויפמארש פון די קינדער, 3) קלאפ-ארקעסטער (אויסגעפיהרט דורך די קינדער פון קינדער-היים), 4) פריהלינג – ריטמישער טאנץ (אויסג. דורך די קינדער פון קינדער-היים), 5) מאטראזען-טאנץ (אויסג. דורך די קינדער פון דער מיכאלעוויטש-שול. II טייל: 1) קינדערשע חכמה (אויסג. דורך די קינדער פון קינדער-היים.
2) כ׳בין א גוטער מוזיקאנט (אויסגעפיהרט דורך די קינדער פון קינדער-היים,
3) קינדער-ארקעסטער
בילעטן אין פרייז פון 30 גר. ביז 1 זל. ביי דער קאסע פון טעאטער.

3503

## צו אלע איינוואוינער פון גייער׳ס ראיאן!

ווילט איהר א הנאה האבען פאר אייער געלד, קויפט נאר גוטע סחורה, און דאס קענט איהר בעקומען נאר אין מיין עלעגאנטען גאלאנטעריע-געשעפט, וואו איהר בעקומט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע און מאדערנסטע מוסטערן

# קראוואטען

העמדער, קרעגען און פערשיד. גאלאנטעריע-ווארען

ערמעסיגטע פרייזען!

# S. KLIGER

איך עמפפעהל זיך דער געעהרטער קונדשאפט מיט אכטונג

1 נאפיורקאווסקא 1

## ביליג

# אונגארישער טרויבן-ווייַן

| האלב געצערט און געצערט | זיסער |
| --- | --- |
| א ליטער 5 זלאטעס | א ליטער 6 זלאטעס |
| א ½ ליטער 3 „ | א ½ ליטער 3.50 „ |

כדי צו ערמעגליכען דעם קאנסומענט אין דער קריזיס-צייט צו טרינקען עכטען אונגא-רישען טרויבען-וויין גיב איך ארויס

### א נייע סארט וויין נומער 49

מיט די פרייזען אויף דער פלאש.

פאדערט איבעראל און איבערצייגט אייך אין דער ערשטקל. קוואליטעט

SKŁAD WIN i MIODU מיט אכטונג

# A. LIBERMAN

Warszawa, Franciszkańska 19

tel. 11-49-74

## פאר געלד,
ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטעס צאהלט די העכסטע פרייזן

איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7. 3320

## עכער

אויף דער מאשין ווערען אויסגענייט
שרודמיעסקא 8.

## עקספעדיציאנס-הויז

# ר. סאבאל

פיעטריקאווער 6, טעל. 153-96

אפטיילונגען: ווארשא, וולארזשי-מיערזש, הרובעשאוו און כעלם.

מאכט בעקאנט, דאס פון 1-טען יוני ביז׳ן 1-טען יולי ווערען אלע סחורה אנגענומען דורך פאלודניאווא 4.

## „בית היתומים״, זגערזשער 40.

זונטאג, ד. 5. יוני ד. י. 6 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל

### א גרויסע פערזאמלונג

געווידמעט דעם

# אפצייכנונגס-טאג

וואס קומט פאר מאנטאג, ד. 6. יוני ד. י. לטובת דעם בית-היתומים.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אויבענדערמאהנטען האבען מיר דערמיט דעם כבוד איינצולאדען אלע אוגזערע ג׳ מיטגלידער און סימפאטיקער און בעטען צאהלרייך צו ערשיינען.

3547

מיר האפען, אז יעדער איינער אין היינטיגען קריטישען מאמענט וועט געדענקען אין זיין חוב לגבי דעם יתום און קומען צו דער זיצונג, כדי אנ-טיילצונעהמען אין אפצייכנונגס-טאג.

די פערוואלטונג.



אויבן רעכטס: אַ טורבינע, וואָס קאָן ענטוויקלען אַ מעכטיגקייט פון 35000 פערד־קראַפט און איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דייטשלאַנד פאַר אַ סאָוויעטישער פאַבריק



אינדערזייט לינקס: דער איטאַליענישער נאַציאָנאַלער העלד קעמפער פאַר דער פאַראייניגונג פון איטאַליען, דזשיאָוועפּע גאַריבאַלדי, צום פופציגסטן יאָהרצייט.

אונטן רעכטס: דער דאַם ביי דער זויד־זעע (האָלאַנד) איז שוין איינגאַנצן פאַרטיג. דער דאַם טיילט אָפּ זויד־זעע פון ים, בילדענדיג אַ איבעריגע אָזערע, וועלכע וועט אויסגעטריקנט ווערן און דאָס לאַנד וועט אויסגענוצט ווערן פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.





אויבן: אַן אַלטער שלאָס אין די בערג.

אונטן: אַ באַוועגליכע ביבליאָטעק אין מינכען. די ביבליאָטעק שטעלט צו ביכער אַהיים.







אויבן לינקס: נייער אויפטו פון דער קריגס־טעכניק. אַ לייכטער טאַנק, וועלכער הויבט זיך אויף אויף שיפּע בערג.



אינדערזייט לינקס: דער אויטאָ־רעקאָרדסמאַן קאַראַטשיאָלאַ האָט חרוב געשלאָגן אַ רעקאָרד ביי די געיעגן אין בירבורגרינג.

אונטן לינקס: באַנקעט פון דער אויסלענדישער פרעסע אין בערלין. פון לינקס: געווע. קאַנצלער ברינינג, פאָרזיצער פון אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענטן־פערבאַנד בלאַקציל, פויפּסטליכער נונציוס פּאַזעניגאַ.





די בערימטע פילם־אַרטיסטען ליליאַן האַרווי און ווילי פריטש האָבען חתונה.



אַמעריקאַנער פליהער בראַון איז אַראָפּגעפאַלען מיט'ן אַעראָפּלאַן ביי דער פּראָבע צו פליהען איבער'ן אָקעאַן.



דאָס אָנקומען פון ריזען־הידראָפּלאַן "ד. אָ. איקס" קיין בערלין פון די פאראייניגטע שטאַטען.



רומענישער פליהער פירשט יאַנעל קהיקאַ, איז געשטאָרבען פון געניסען צופיל נאַרקאָטישע מיטלען.



בערוהמטער יאַפּאַנישער גען. אוידא שרייבט אונטער דעם וואָפענשטילשטאַנד־אָפּמאַך צווישען יאַפּאַן און כינע. (איצט האָבען זיך די קאַמפען בענייט)



א גרעסטע ניטען־לאָזע בריק (315 מעטער לאַנג)יז געעפענט געוואָרען אין דרעזדען, אָהן די ביטען וועגט די בריק מיט 15 פּראָצענט וועניגער ווי מיט ביטען.



אַ נייער טיפּ אויטאָזשירא־אַעראָפּלאַן (אַנאַערא־פּלאַן), וואָס הויבט זיך אויף דירעקט פון באָדען.



לוויה פון אומגעקומענעם אונגאַרישען לופט־פליהער אין רוים. מוסאָליני (אינמיטען) און מינ. באַלבאָ אויף דער לוויה.



פרויען־פייערונג אין האַמבורג נאָך די אומגעקומענע אין דער ים־שלאַכט ביי סקאַגעראַק.



אונטען: מאַסען־פּראָדוקציע פון גאַז־מאַסקעס אין אַ דייטשער פאַבריק.



די קריזיס־טעג אין גריכענלאַנד. עקסצעסען אויף די גאַסען פון אַטען. ( ) נייער פּרעמיער פאַפּאַנאַסטאַזיו

## יורידישע עצות
### געענטפערט פון „קונדס"

מאַטעלע פראַנקענטאַל — איהר ווילט וויסען, וואָס איהר זאָלט שרייבען: אויטאָביאָגראַפיעס, מאָנאָגראַפיעס צו דראַמען?

מיר מיינען, אַז איהר דאַרפט שרייבען — תנאים.

## פון ביכער=מאַרק

באַר וואָס אַרויס פון דרוק יונגע „מייערלעך מיט פּיעטרישקע", „באָבקעלעך מיט שטשאַוו", „ווייַנפּעלעך מיט ווייַנשעלען", „שבת־אויבס", צו בעקומען אין אַלע פּרוכט־געשעפטען.

אין גיכען דערשיינט „עפּעלעך מיט באַרנעס".

## וועגען קאַבינעט=קריזיס

דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען? אַז קאַבינעט־קריזיסען ברענגען נוצען.

— למשל?

— באַרטעל אַהין און באַרטעל אַהער, דערווייל מאַכט מען נישט קיין נייע שטייערען.

## היט אייך פאַר'ן חודש יוני!
### א וואָרנונג צו די חתן=בחורים

אַ געלערנטער האָט אויסגעפונען, אַז חתונות, וואָס ווערען געמאַכט אין חודש יוני, זענען אומגליקליך.

ענטדעקט אַמעריקאַ! מיט וואָס איז דער חודש יוני ערגער פון אַלע חדשים פון אַ גאַנץ יאָהר?

## זיין גליק

ריכטער (צו אַנ'אַנגעקלאָגטען אין אַ גנבה): איהר מוזט בעווייזען אייער אַליבי, צי ס'האָט אייך עמיצער געזעהען אין דער צייט, ווען ס'איז אויסגעפיהרט געוואָרען די גנבה.

אָנגעקלאָגטער: צום גליק האָט קיינער נישט געזעהען.

## צעטראָגען נעבעך

פרוי: וואָס זאָגסטו נישט צו דעם! איך בין אַזוי צעטראָגען, איך בין אַרויסגעגאַנגען אין די האַלעס פאַר דיר קויפען אַ פּאָר שקאַרפּעטקעס, האָב איך פאַר מיר געקויפט אַ הוט.

## ביי דער פּאָבאָר=קאָמיסיע

דאָקטאָר (צום פּאָבאָראָווע): ווי אַזוי קענט איהר בעווייזען, אַז איהר זענט פּאַקטיש קורצזיכטיג?

פּאָבאָראָווע: גאָר פּשוט: דער הער דאָקטאָר זעהט אַ פליג אויף דער וואַנד ביים סופיט?

דאָקטאָר: איך זעה.

פּאָבאָראָווע: און איך הייב נישט אָן צו זעהען..

## אויף דער פּליאַזשע

אויף דער פּליאַזשע אין פּאָלעשע, טרעפט איינער דעם היגען פעלדשער וויצעקסטאַנסקי, ווי ער שטעהט און בעטראַכט די האַלב נאַקעטע מענשען.

— וואָס קלערט איהר אַזוי, פּאַנ'קע וויצעקסטאַנסקי?

— איך קל'ער האָט דער פעלדשער מיט אַ זיפץ געענטפערט, וויפיל באַנקעס מ'וואָלט געקענט שטעלען אויף אַזויפיל נאַקעטע פּלייצעס.

# זי האָט „אַנ'עקסמיסיע"



ווילע=בעזיצער (צו דער כּוזה): זיי מיר מוחל, מיין לאַכטיג קיהעלע, דיין „וואוינונג" האָב איך אַ לאָדזער ליעטניק פאַר 300 זל. פאַרדינגען.

## 4 גרופּעס בירגער
### לויט'ן נייעם קאָנסטיטוציע=פּראָיעקט

לויט דעם נייעם קאָנסטיטוציע־פּראָיעקט, וועלען די בירגער איינגעטיילט ווערען אין 4 גרופּעס:

גרופּע „אַ" — פעהיג צו דינען אין אַלע אַמטען מיט געווער אין דער האַנד.

גרופּע „ב. ב." — אַדראַטשעניע אויפ'ן זומער־סעזאָן קיין קריניצע.

גרופּע „צ." — נישט פעהיג צום עפענטליכען דינסט — אויב ער איז נישט פון „אנשי שלומנו".

גרופּע „ד". — אָפּאָזיציע — לחלוטין אומפעהיג.

## „עוזר דלים"
### א נייער פעראיין, וואָס האַלט זיך ביים גרינדען

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, האַלט זיך ביים גרינדען אַ נייער פעראיין פון די, וואָס קענען שוין מעהר נישט צאָהלען קיין פּאָדאַטקעס.

לויט אַנ'אויסרעכענונג וועט דער נייער פעראיין ציילען אַנ'ערך 18 מיליאָן מיטגלידער, דער נייער פעראיין האָט בדעה אַרויסצושטעלען אייגענע קאַנדידאַטען צום סיים, און ווי ס'איז פּאָראָויסצוזעהען, וועט ער אַרויכפיהרען 300 דעפּוטאַטען. דער נייער פעראיין וועט הייסען „עוזר דלים".

## נקמה פון אַנ'אַלטען בחור
### א שמועס צווישען „פשיאַטשעלעס" אין „גראַנד=קאַפע"

אין „גראַנד קאַפע" טרעפען זיך צוויי אַלטע בעקאַנטע.

— וואָס הערט זיך, באַלעק?

— וואָס הער'ט זיך? גאָר נישט קיין גוטעס — כ'האָב, נישט פאַר דיר געדאַכט, חתונה געהאַט.

— וואָס רעדסטו? דו? דער אַלטער פּרויען־פיינד האָסט חתונה געהאַט?!

— ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע, ענטקעגען איבער מיין פענסטער האָט זיך אַריינגעצויגען אַנ'אַלטע מויד, אַ פּערזעהעניש, אַ קליפּה, האָט זי גאַנצע טעג און נעכט געגרימפּעלט אויף'דער פּיאַנאָ. גאַנצע נעכט האָב איך נישט געקענט קיין אויג צו טון. נו, וואָס האָב איך געוואָלט טון? האָב איך גענומען און מיט איהר חתונה געהאַט, אַזוי אַרום האָט זי אויפגעהערט צו גרימפּלען, און איך קען איצט כאָטש במנוחה שלאָפען ביינאַכט...

## פון דער בית=דין=שטוב

רב: ערקלער מיר, איציק, פאַרוואָס ווילסטו דיך גטן?

ייד: ווייל איך בין פערהייראַט.

## א פויערישער קאָפּ

אין ראַראָגאָשטש, ביים וואַסער שפּאַצירט אַ פויער. פּלוצליג הערט ער אַ געוואַלד: הילף! כ'טרינק מיך! כ'קען נישט שווימען!

דער פויער דרעהט זיך אויס, און שרייט צו דעם וואָס טרינקט זיך:

נו, וואָס שרייסט דו אַזוי? איך קען אויך נישט שווימען, און כ'מאַך גאָרנישט קיין געוואַלדען!

—:0:—

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאַגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 129 פרייטאג, דעם 3 יוני 1932

## בעל־אגערונגס־צושטאַנד...




לאָדזער סוחר (צו די בעלי=חובות): שרייט אייך כאָטש אַז פאַר אייערע פאַר גראָשען!...

